

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חיי שרה
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"ג

## פראגע

**דאס לעבן ווארפט אויף אונז כסדר פראבלעמען און שטרויכלונגען, וויאזוי ערווארט מען פון אונז איבערצוקומען אונזער אנגעצויגנקייט און שלעכטע מדות, וואס ווערט אנגעצינדן דורך די אלע מצבים?**

## ענטפער:

דער אמת איז אז ס'איז נישט דא קיין תירוצים פאר שלעכטע מדות. יא, שלעכטע מדות ווערן אנגעצינדן דורך געוויסע מצבים, ס'איז אייביג אזוי. אבער א מענטש דארף פארשטיין אז **דאס לעבן איז א גאלדענע, איינמאליגע געלעגנהייט**, און ער קען עס נישט פארפאטשקען דורכ'ן זיך אונטערגעבן צו מצבים.

לאמיר זאגן, אז פאר עפעס א סיבה לאזט מען דיך אריין אין א גרויסע באנק קאמער וואו מען האלטן די קעש. מען האלט דארט הונדערטער טויזנטער דאלארן אין גרויסע זעק! גאר אסאך געלט איבעראל וואו מ'קוקט. אן קיין ענדע. און לאמיר זאגן אז דער פרעזידענט פונעם באנק זאגט, "ווייסט וואס, איך גיי דיר אריינלאזן אינעם באנק אוצר אין מיין באנק פאר בלויז איין מינוט, און דו קענסט נעמען וויפיל דו ווילסט. וויפיל דו קענסט כאפן בלייבט ביי דיר."

דו גייסט אריין און דו ערשטע זאך זאגסטו, "אוי, ס'איז אזוי שטיקיג דא. איך קען גארנישט טון! וויאזוי קען איך דא ארבעטן? ס'איז אזוי שטיקיג!" איז דוווארטסט ביז מען ברענגט דיר א פען, און מען מאכט עס שיין און באקוועם פאר דיר. אההה! יעצט ביזטו גרייט צו אויפטון! אבער ביז דעמאלטס איז דער מינוט פארריבער.

ווען מען קומט אריין אין דער וועלט, דארף מען וויסן אז די גאנצע וועלט איז נאר אויף איין מינוט. און אין אט דעם מינוט זענען דא פיל מער ווי טויזנטער דאלארן צו כאפן. אזעלכע מצוות ווי גיין אין די וועגן פון השי"ת זענען ווערד מער ווי מיליאן דאלאר יעדע סעקונדע. דו קענסט דיך נישט ערלויבן צו פארשווענדן צייט און זאגן, "די זאך רעגט מיר אויף, און די זאך שטערט מיר." ווייל אויב דו וועסט ווארטן ביז עס איז שיין און באקוועם – וואס וועט סייווי קיינמאל נישט זיין – פארלירסטו דיין געלעגנהייט.

דעריבער דארף א מענטש זיין גענוג שטארק און זאגן, "עס גייט מיר גארנישט אן! עס קען דינערן און האגלען, נישט קיין חילוק, איך גיי נאר עוסק זיין צו זאמלען די טויזנטערס וואס וואלגערן זיך אויף דער ערד. ווי סך איך קען נאר וועל איך כאפן, שוין יעצט!"

לאמיר זאגן אז דו גייסט אריין אין יענעם באנק קאמער און ס'איז פול מיט ספיידערס. פול מיט מאסקיטאס. פול מיט ראטן. וואס גייסטו טון? ווארטן ביז דער עקסטערמינעטאר קומט? ניין, דו וועסט אריינטאנצן. פארטרייבן די ראטן. אוועקרוקן די קאקעראטשעס, אדער אפילו צאמקלויבן די טויזנטערס אפילו מיט די קאקעראטשעס! וועם גייט עס אן?! מען טרעפט נישט אזויפיל געלט סתם אזוי.

דאס לעבן איז בלויז איין מינוט! לעבן איז צו טייער עס צו פארפאטשקען מיט'ן זיין אנטמוטיגט און ברוגז און אנידערגעשלאגן און מוטלאז. די אלע זאכן זענען פאר שוטים. ווייל דאס לעבן וועט דורכלויפן, און דער מענטש וועט דארפן גיין אין א משוגעים הויז, און ער וועט דארפן ווארטן ביז ער היילט זיך אויס, און ווען ער וועט שוין זיין אן אלטער מענטש, גרייט צו שטארבן, וועלן זיי אים ארויסלאזן און ער וועט סתם קריכן צו זיין קבר?!

מיר דארפן זיין אויפגעלייגט און פריילך און אין די כלים אגאנצן לעבן! און כאפ אריין! כאפ וויפיל דו קענסט, אן קיין

אויפהער, נישט קיין חילוק וואס דער וועטער איז! נישט קיין חילוק וואס די מצבים זענען! עס איז נישט דא קיין תירוצים פאר'ן זיין א שוטה און פארפאטשקען דאס לעבן. (#494)

## פראגע

**איך האט פריער געזאגט אז א ווייב און קינדער זענען בלויז צייטווייליגע פיגורן אין אונזער לעבן און השי"ת איז דער איינציגסטער אמת'ער פריינד וואס מיר האבן. אויב אזוי, פארוואס איז אזוי וויכטיג וויאזוי מיר באציען זיך צו זיי?**

## ענטפער:

איך האב געוואוסט אז דאס וועט באקומען א רעאקציע... יעצט, אויב האט איר אויסגעהערט - און איך בין זיכער אז איר האט - וועט איר געדענקען אז איך האב דערמאנט אז איר האט אויפגאבעס פאר זיי. סך הכל וואס איך האב געזאגט איז אז דו זאלסט נישט פילן אז דיינע נאנטע קרובים זענען דיין פארזיכערונג און וועלן זיין דיין חברותא אויף אייביג. עס קומט א צייט ווען א מענטש דארף זיך געזעגענען פון יעדן, און **מען בלייבט נאר מיט'ן באשעפער.**

אבער ווילאנג זיי זענען צוזאמען, איז עס זיין פליכט צו ערפילן זיינע חיובים צו זיי אויפ'ן בעסטן אופן וואס מעגליך. ער דארף ערפילן דעם רצון השם. ער קען נישט זאגן, "דער מענטש איז בלויז דא היינט, אין אפאר מינוט וועט ער זיין אויף זיין וועג, דערפאר קען איך אים איגנארירן..." ניין; **די סיבה פארוואס ער איז אהערגעקומען** דער מינוט איז כדאי דו זאלסט אים שיין באהאנדלען.

וועגן דעם קענסטו נישט זאגן, "מיין טאטע און מאמע זענען בלויז צייטווייליגע ברואים, און איך קען זיי איגנארירן." חס ושלום! דו דארפסט גענצליך ערפילן דיינע פליכטן. איך האב עס פריער דערמאנט; איך האב קלאר געזאגט אז מען דארף ערפילן די חיובים, נאר מען זאל נישט פארלירן דעת פון טראכטן פונעם באשעפער.

אסאך מענטשן טרעפן זייער שמחה אין די קאמפאניען פון אנדערע מענטשן; אזוי ווי געוויסע רעפארם און קאנסערוואטיווע ראביים, און איך האב מורא צו זאגן אפילו מאדערן-ארטאדאקס ראביים, זיי זאגן פאר זייער קאנגרעגעישאנס ווען זיי קומען זיך צוזאמען, זיי זאגן, "דער עיקר איז אז מ'איז צוזאמען." דאס איז א ווארט וואס זיי האבן אלע ליב; "אחדות". זיי זיצן צוזאמען, פרווען און מענער, זיי קייען און עסן, און זיי פארברענגען. לאמיר זאגן אין א געמיינזאמע קאמיוניטי, און זיי קומען זיך צוזאמען און דער ראביי רעדט צו זיי, "דער עיקר איז אז מען איז צוזאמען."

אבער זיי פארגעסן אז מען דארף זיין צוזאמען מיט הקדוש ברוך הוא! דאס איז דער עיקר! און דער פאקט איז אז זיי פארלאזן זיך איינער אויפ'ן צווייטן. איש את רעהו יעזורו – אבער דאס מיינט "ובערו שניהם יחדיו" – א צייט וועט קומען ווען זיי וועלן אויך ברענען צוזאמען... זיי וועלן זיין צוזאמען אין גיהנום. עס וועט גארנישט העלפן. ואין מכבה – קיין איין פריינד וועט נישט קענען העלפן צו פארלעשען די פייער.

דאס מיינט דער פסוק ווען עס שטייט "אח לא פדה יפדה איש" – א ברודער וועט נישט קענען אויסלייזן זיין ברודער. דער פאקט אז מען האט א ברודער וועט נישט העלפן. ווען די צייט קומט, א מענטש גייט צום יום הדין פאר הקב"ה אליין. און דאס איז וואס מיר אלע זענען, מיר זענען פרעמדע און עלנד אויף דער וועלט, דער אויבערשטער איז אונזער איינציגסטער פריינד. ער איז אונזער חברותא. אזוי שטייט אין פסוק **"רעך ורע אביך אל תעזוב"** – פארלאז נישט דיין פריינד און דער פריינד פון דיין טאטע. דאס איז "אלקינו ואלקי אבותינו." ער איז אונזער אלטער פריינד. ער איז אויסגעפרווט און טראסטבאר. ער איז דער איינציגסטער וואס מיר האבן.

מאכט נישט קיין טעות וועגן דעם. לייגט אפילו נישט קיין פארזיכערונג אין אייער מאמע! א מאמע איז זייער א גוטע פריינד. זי וועט טון כמעט אלעס פאר דיר, אבער נאר **כמעט**. איר וועט זיין איבערראשט וואס קען צומאל געשען. איר ווייסט, אסאך מאל איז עס די מאמע וואס רואינירט איר קינד. און דערפאר, עס איז דא בלויז איין אמת'ע פריינד און דאס איז דער באשעפער.

זאגט עס נישט פאר אייער מאמע. פאר אייער מאמע זאלט איר זאגן, "דו ביזט מיין בעסטע פריינד" – ווען אייער טאטע הערט נישט... און ווען אייער מאמע הערט נישט, זאגט פאר אייער טאטע, "דו ביזט מיין בעסטער פריינד." און ס'איז נישט קיין ספק אז זיי זענען טאקע, אבער דער אויבערשטער איז דער וואס האט זיי געמאכט אייער בעסטע פריינד, דערפאר איז ער דער עכטער פריינד. (#136)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב